# מרגליות, יצחק

## [בראָדער]

[געב. 8 סעפּט. 1855 — געשט. 23 דעצ. 1919]

געבוירן 8 סעפּטעמבער 1855 אין פּאָדקאַמין, מזרח־גאַליציע. אַלס זון פון בערל בראָדער. ביז 13 יאָר געלערנט אין אַ ישיבה און געשמט פאַר אַן עילוי. נאָכן פאָטערס טויט (1868) צוריקגעקומען אין שטעטל און געוואָרן אַ מלמד. 1871 זיך באַזעצט אין זלאָטשעוו, אָנגעהויבן לייענען וועלטלעכע ביכער אין העברעיִש, געוואָרן אַ משכיל און זיך געלערנט דייטש. געצויגן אָרעמע חיונה פון געבן שטונדן אין רייכע הייזער. פון 1892 ביז 1914 געווען רעליגיע־לערער אין דער באַראָן הירש־שול אין סאָסאָוו און גלייכצייטיק געווען טעטיק אין אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיטגרינדער פון דראַמאַטישן קרייז פון וואַנען ס'איז אַרויס יעקב מעסטל. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט העברעיִשע שירים, דערנאָך אַ מיטאַרבעטער אין דער יידיש־דייטשער „איזראַעליט" אין ווין און אַנדערע צייטשריפטן. 1890 זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יעקב דינעזאָן, וועלכער האָט זיינע העברעיִשע זאַכן געגעבן צום דרוקן „הצפירה" און די יידישע אין וואַרשעווער יידישע צייטונג־אויסגאַבעס, אינגיכן איז מ. כמעט אינגאַנצן אַריבער צו יידיש און געוואָרן א'פ „ים" און „ים הציון" פון די ערשטע קעמפער פאַר יידיש אין גאַליציע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין זלאָטשעוו, וווּ ער איז געשטאָרבן דעם 23 דעצעמבער 1919.

מ. האָט פאַרפאַסט די 4־אַקטיקע פּיעסע „דער פליכטלינג", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין לעמבערגער יידישן טעאַטער, און האָט זיין אַלעגאָרישע דערציילונג „דעם אשמדאיס נצחון" באַאַרבעט אין אַ דראַמע „דעם אשמדאיס יום־טוב".

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו־יאָרק, 1965, זעקסטער באַנד, זז. 102־100.

# בראָדין, מאַקסים

## [מאַקס בראָדסקי]



געבוירן 1902 אין שטעטל לישטין, ניט ווייט פון זשיטאָמיר, וואָלין. שטודירט און גראַדויִרט די מוזיקאַלישע שול. יידישע למודים געלערנט ביים פאָטערס אַן עלטערן ברודער.

אויסגעוואַנדערט צו זיינע עלטערן אין אַמעריקע (שיקאַגע), וווּ ער האָט פאָרט געזעצט שטימע־בילדונג אין קימבל האָל קאָנסערוואַטאָריע און אויפגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין שיקאַגע און אומגעגנט, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין „שיקאַגער דראַמאַטיק קלוב" און זיך באַטייליקט אין די אויפפירונגען פון נאָמבערגס „משפחה", הירשביינס פּיעסן א'א.

ב. ווידמעט זיך צו מוזיק. ער טרעט אויף אין די הויפּטטענאָר־ראָלן מיט דער טעוויע אָפּערע קאָמפּאַני און דערנאָך מיט אַ טייל פון דער סאַן קאַרלאָ אָפּערע. פון דאָרט ווערט ב. אַנגאַזשירט קיין אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד, וווּ ער איז 3 יאָר פאַרבונדן מיט דער ריל אָפּערע קאָמפּאַני. שפּעטער אָרגאַניזירט ער זיין אייגענעם אָפּערעטישן אַקט מיט וועלכן ער טרעט אויף אין סידני, מעלבאָרן און אַנדערע שטעט פון אויסטראַליע, ווערט דערנאָך מיט דעם אַקט אַנגאַזשירט קיין דרום־אַפריקע (יאָהאַניסבורג, דורבען, קעיפּטאָון) און אין ד' שטעט פון רודיזיע.

1930 צוריקגעקומען אין אַמעריקע און אַריין אין יידישן טעאַטער, פריער אין פילאַדעלפיער „אַרטש סטריט טעאַטער", וווּ ער דעביוטירט אין סעקונדאַס „מיין יידיש מיידעלע" און באַטייליקט זיך אויך אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר מיט די גאַסטראָלערן פון ניו־יאָרק. דעם צווייטן סעזאָן ווערט ב. אַנגאַזשירט אין ברוקלינער „ראָלאַנד־טעאַטער", וווּ ער שפּילט 2 סעזאָנען און קערט זיך דערנאָך צוריק צו קאָנצערט־פּראָגראַמען. אַזוי, טרעט ער אויף 48 וואָכן מיט אינטערנאַציאָנאַלע לידער דורך יו עס אָ אין פאַרשיידענע רעגירונגס־קעמפּס, זיינע ווייטערדיקע פּראָגראַמען ווערן אַראַנזשירט פון דער קאָנצערט־ביוראָ ביים יידישן וועלפעיר באָאַרד.

אויסער די קאָנצערטן איז ב. אויפגעטראָטן אין די קעמפּס פון „אַרבייטער רינג", אין פילאַדעלפיער קעמפּ „האָפנונג", אין „יונגוועלט" אין קאַנאַדע און אין „אונזער קעמפּ" פון פאַרבאַנד.

וועגן זיינע קאָנצערטן שרייבט י. ראַבינאָוויטש:

„מאַקסים בראָדין באַזיצט אַ בריליאַנטענע טענאָר־שטימע און איז אַ געשולטער און געשמאַקפולער זינגער. ווי עס זעט אויס, שטייט בראָדין נאָענט צו דער יידישער ליטעראַטור און ער האָט עס געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו באַפליגלען מיט געזאַנג אַ טייל געקליבענע לידער פון אונדזערע בעסטע דיכטער. זיין רעפּערטואַר באַשטייט פון גאַנץ נייע לידער, און אַלע פון וועלטלעכן כאַראַקטער. מיט אַ וועלטלעכן כאַראַקטער מיינען מיר צו זאָגן, אַז די דאָזיקע לידער קאָנען איבערזעצט ווערן סיי אין וועלכער אַנדערע שפּראַך און זאָלן פאַר די אַנדערע פעלקער האָבן דעם זעלביקן אינטערעס ווי פאַר אונדז, ווייל זיי זיינען כמעט אַלע געבויט אויף אוניווערסאַלע טעמעס, און אייניקע פון זיי, ווי למשל זישע לאַנדויס ליד „אין דער פינסטער" זיינען פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אמתע פּערל.

מאַקסים בראָדין זינגט מיט אַ סך וואַרעמקייט און מוזיקאַלישן געפיל. ער גיט דעם איינדרוק, ווי ער באַציט זיך מיט אַ גאַנץ באַזונדערע ליבשאַפט צו דער יידישער פּאָעזיע. פאַראַן ביי אונדז גאָר ווייניק אַזעלכע. ער פאַרדינט לויב און אָנערקענונג פאַר זיין געשמאַקפולן אויסוואַל פון לידער און פאַרן קינסטלערישן אויסטייטשן. אַזאַ עכט־קינסטלערישער צוגאַנג צום יידישן געזאַנג איז ביי אונדז ניט קיין צו אָפטע זאַך".

ישראל עמיאָט שרייבט:

„מאַקסים בראָדין האָט פאַר צוויי שעה צייט געהאַלטן אין שפּאַנונג אַ גרויסן עולם מיט זיין ערנסטן פּראָגראַם פון יידישן ליד, דערציילונג און געזאַנג. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו אַפּלאָדירן, און דער קאָנצערט איז באמת געווען אַ שיינע דעמאָנסטראַציע פאַר אונדזער יידישער קולטור".

אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע איז ב. אייניקע יאָר געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווו.

ב. איז דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פון יידישן מוזיק־פאַריין אין ניו־יאָרק.

ב. האָט אַרויסגעגעבן זייער פיל רעקאָרדס אין פאַרשיידענע שפּראַכן, דערונטער אין יידיש: (דורך דער סטינסאָן רעקאָרד

קאָמפּאַני): „אַ זמרל" פון אהרן צייטלין, מוזיק־בוגאַטש, „נאַכט־אידיליע" פֿון דילאָן, מוזיק־געלבאַרט, „אַ מזלדיקע שעה" פֿון שעכטער, „יאָסל בער" פון מאַנגער, מוזיק — קיפּניס, „וואָלעכל", פֿאָלקסליד — מוזיק וואָלאָוויטש. (דורך אינטערנעשאָנאַל רעקאָרדס): „די נאַכט" פון פרץ הירשביין, מוזיק — ליו סטעף, „אַ טענה" (חסידיש), „אין דער פינסטער" פון זישע לאַנדוי, מוזיק — בראָדין, „יאָסל קלעזמער" פון נפתלי גראָס, מוזיק — פיינגאָלד. (דורך סטינסאָן רעקאָרד קאָמפּ.): „אַליין" פון ה. רויזענבלאַט, מוזיק — געלבאַרט, „פּאַרטיזאַנען־ליד" פון הירש גליק מוזיק — פּראָקראַס, „דער האָן" פון לייב קוויטקאָ, מוזיק — מאַנדעלבוים, „דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען" (בראָדערזינגער). (דורך אינטערנעשאָנאַל): „ביים ברעג ים" פון עליזה גרינבלאַט, מוזיק אַראַנזשירט בראָדין, דאָס ישראל־ליד „האָראַ", „ס'וועלטל איז ניט אַזוי איי איי", מוזיק אַראַנזשירט בראָדין, „ליד פון אַן אַלטן בחור" (אוקראַיִניש), און 5 רוסישע פֿאָלקס־לידער, (דורך קאָלאָמביאַ רעקאָרדס) אַ צאָל אָפּערע־אַריעס.

ב. האָט אויך רעקאָרדירט 4 לאַנג־שפּילנדיקע רעקאָרדס פון לייוויקס פּאָעזיע, אַרויסגעגעבן פאַר בלינדע דורכן ברעיל אינסטיטוט.

ש. ע.

י. ראַבינאָוויטש — דער בראַדין־זלאַטין קאָנצערט, „קענעדער אַדלער", מאָנטרעאַל, 3 אַפּריל 1935.

## זלאַטין, זעלדע

### [הילדאַ שוואַרץ]

געבוירן 1906 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. ז. איז געווען „דאָס וווּנדער־קינד פון יידישן טעאַטער". צו 8 יאָר האָט זי אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין „לענאָקס"־טעאַטער (ביי גאָלדבערג און דזשייקאָבס), דערנאָך מיט בערטאַ קאַליש, דזשייקאָב פּ. אַדלער, מאַקס גאַביל און אין „יידישן קונסט־טעאַטער" מיט מאָריס שוואַרץ א"נ שוואַרץ און שפּעטער אַלס סוברעטין אין „ראָלאַנד"־טעאַטער, און מיט מאַלי פּיקאָן. אַ סעזאָן געשפּילט יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן און צוריקקומענדיק אין ניו־יאָרק פאָרטגעזעצט איר מוזיקאַלישן שטודיום אין מאַנהעטן סקול אָוו מוזיק און אַריבער צו קאָנצערטן פון הומאָר און סאַטירע, ווי אויך אַלס פּיאַנאָ־סאָליסטין און אַקאָמפּאַניאַטאָרקע.

צו אירע פּאָפּולערסטע נומערן געהערן: „דאָס מעסערל" פון שלום עליכם, „אַ טשאָקאָלאַדן שאַפּ" פון פאַרבער, „די מומע ביילע" פון כאַווער־פּאַוער און מאָנאָלאָגן פון משה נאַדיר.

ז. האָט אַרויסגעגעבן די רעקאָרדס „בר מצוה" (סאַטירע), „שכנים", סאַטירע), „בוקאָווינע" (אַ דערציילעריש פּאָלקס־ליד) און „מאַזורקע" פֿון א. לוצקי, אַראַנזשירט פון איר.

צוזאַמען מיט מאַקסים בראָדין פירט זי אויך דורך אין אַן איינאַקטער פרץ הירשביינס „גרינע פעלדער".

י. ראַבינאָוויטש שרייבט נאָך אירס אַ קאָנצערט אין מאָנטרעאַל: „מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן קיין בעסערן נחת־רוח ווי צו הערן זעלדע זלאַטינס קינסטלערישע אויסטייטשונג פון יידישן הומאָר".



דער „פאָרווערטס" שרייבט נאָך אַ קאָנצערט:

„די שוישפּילערין זעלדע זלאַטין האָט געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע אי פון אַ פאָרלייענערין אי פון דער פּיאַנאָ־באַגלייטערין צו מרים בערנעט. זעלדע זלאַטין האָט אַ סך צוגעגעבן צו דער אינטערעסאַנטער פּראָגראַם מיט איר אויסשפּילן די מאָנאָלאָגן פון אליעזר שטיינבאַרג, שלום־עליכם און פון דעם פּאָעט יעווטושענקאָ — די פּאָעמע „באַבי יאַר". העכסט געלונגען איז געווען דער הומאָריסטישער נומער „די מומע ביילע" פון כאַווער־פּאַווער. אין דעם בילד האָט זעלדע זלאַטין אויסגעשפּילט, אויף אַ קאָמיש־האַרציקן אופן, יידישע געשטאַלטן פון דער אַלטער היים און אַ יידישע חתונה. שטאַרק געלונגען איז געווען דאָס איבערדערציילן, פאַרקירצט, שלום־עליכמס „דאָס מעסערל"."

ש. ע.

[—] — זעלדע זלאַטין קאָנצערט, „פאָרוו.", נ. י., 17 נאָוו. 1967.

## אַבעלמאַן, מרדכי

[געב. 25 מאַי 1909 — געשט. 2 דעצעמבער 1969]



געבוירן 25 מאַי 1909 אין וואַרשע. נאָך אַלס יוגנטלעכער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וווּ ער האָט אַרויסגעוויזן בינע־פעיִקייטן. אַ לענגערע צייט האָט ער געשפּילט אין וואַרשע א'א פון יעקב און לאה ראָטבאַום.

אַנטלאָפן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פון פוילן, איז ער נאָך לאַנגע וואַלגערנישן אָנגעקומען אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אידאַ קאַמינסקאַס טרופּע און מיט איר אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און געשפּילט יידיש טעאַטער. נאָכן סוף פון דער מלחמה, איז א. אָנגעקומען אין די יידישע קעמפּס אין דייטשלאַנד און דאָרט אָנגעפירט מיט דער טעאַטער־טרופּע „בדרך". אונטער זיין דירעקציע איז די טרופּע אַרומגעפאָרן איבער די די פּי קעמפּס מיט גרויס דערפאָלג ביי די אָפּגעראַטעוועטע שארית הפליטה.

ווענן דעם שרייבט נאָרבערט האָראָוויץ:

„די יידן פון דער שטאָט בערלין און פון בערלינער „די פּי"־לאַגער האָבן געהאַט זייער אייגענעם טעאַטער. דער אַנסאַמבל האָט זיך גערופן „בדרך" [אין וועג], און (האָט) אויפגעפירט צווישן אַנדערע גרויסע פאָרשטעלונגען, ווי, למשל, „דער גיבור איז קייטן" פון וויקטאָר הוגאָ, אירע אָנפירער זיינען געווען די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער מרדכי אַבעלמאַן (היינט אין שיקאַגע) און דוד מינסטער, אַן אַקטיאָר פון וואַרשעווער „יונג טעאַטער" (היינט אין לאָס־אַנדזשעלעס). די איבעריקע אָנטיילנעמער זיינען געווען אַמאַטאָרן, אָבער זייער אַרבעטסזאַמע און טאַלענטפולע „בדרך" האָט געגעבן זיינע פאָרשטעלונגען אין אַלע לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער און ענגלישער זאָנע מיט אַ נישקשהדיקן דערפאָלג. זיי האָבן מיטגעפירט פון בערלין אַ גרויסן אַנסאַמבל מיט קאָסטיומען און רעקוויזיטן. דער עולם האָט אָפּגעשאַצט זייער מיפולע אַרבעט, וואָס האָט געמוזט אַריינגעלייגט ווערן אין די שווערע ספּעקטאַקלען.